STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11381

VEGEN MATERYALISTISHEN FARSHTEYN DI GESHIKHTE

Herman Grajlich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערמאַן גרייליך.

וועגען מאַטעריאַליסטישען פאַרשטיין די געשיכטע.

תרפב. 1922.

2 אויפלאַגע. № 17.

די טעאָריע פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם איז בעגריגדעט און ענטוויקעלט געוואָרען דורך די שעפער פון וויסענשאַפט־ליכען סאָציאַליזם, קאַרל מאַרקס און פ. ענגעלס. דער סאָציאַ־ליזם, אַלס פראָלעטאַרישער אידעאַל, איז ענטשטאַנען אַסך פריהער פאַר זיין וויסענשאַפטליכער בעגרינדונג און איז אינגאַנצען נישט־אָבהענגיג פון מאַטעריאַליסטישען פערשטעהן די געשיכטע. אָבער דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם איז מיט דעם ענג צוזאַמען־געבונדען.

* *
*

דאָס מאַטעריאַליסטישע פערשטעהן איז אויפגעקומען נאָך אַ גאַנצער רייה פערשידענע אַנדערע טעאָריעס און וועלט־אָנשוי־אונגען, וואָס האָבען זיך אויף דעם אָדער יענעם אופן בעמיהט צו ערקלערען דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

צום ערשטען האָט עקזיסטירט די טעאָלאָגישע (געט־ליכע) טעאָריע וואָס האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער ערד, איז שוין פון פריהער בעשטימט און ווערט דורכגע־פיהרט נאָר דורך גאָט און זיין ווילען. אָדער ווי די געצענדינער פלעגען זאָגען, דורך די געטער. קיין שום אַנדערע ערקלערונג האָט די טעאָריע נישט געגעבען.

דערנאָך איז געקומען אַ צווייטע טעאָריע, וואָס האָט אַלץ אָבהענגיג געמאַכט פונ'ם ווילען פון איינצעלנע פערזאָ־

נען: מלכים און מיליטער-פיהרער. די גאַנצע היסטאָריע איז פול מיט זייערע נעמען און אויפטוהעכצען; זייער ווילען האָט, לויט דער דאָזיגער טעאָריע, געשפּילט די בעשטימענדע ראָליע אין דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. די טעאָרעטיקער פון דער דאָזיגער וועלטאַנשויאונג האָבען זיך נישט אָבגעשטעלט אפילו פאַר פאַקטען, וואו מען האָט געהאַט צו טוהן צום ביישפּיל מיט אַ פאָלקס-אויפשטאַנד, אין וועלכע איינצעלנע פּערזאָנען זענען כלל נישט אַרויסגעטרעטען. אין אַזעלכע פאַלען פלעגט פשוט אויסגעטראַכט ווערען אַ געוויסע פּערזאָן, זוי דאָס האָט צום ביישפּיל געטוהן איינער פון די שווייצערישע היסטאָריקער בנוגע צו ווילהעלם טעל אָדער ווינקעלריד. אָט דער מין שרייבען היסטאָריע פּראַקטיקירט זיך נאָך ביז איצט אין אייניגע מאָנאַרכיסטישע לענדער אין די אינטערעסען פון דער הערשענדער דינאַסטיע.

אין דער אויפקלערונגס-עפּאָכע איז אַלס בעוועגענדע היסטאָרישע קראַפט אָנגענומען געוואָרען די „אידעע", וואָס איהרע טרעגער ד. ה. די גרויסע דענקער האָבען פערנומען דאָס אָרט, וואָס איז פריהער געגעבען געוואָרען די פירשטען און הערשער, נאָר אַזוי ווי נישט אומעטום, ביי יעדער גרויסער געשעהעניש, האָט זיך איינגעגעבען צו געפינען דעם פאַסענדען דענקער, איז צוגעפּאַסט געוואָרען די פאָרמול פון „אייביגע אידעען" (אמת, פרייהייט, גערעכטיגקייט), וועלכע ווירקען זעלבשטענדיג אויפ'ן גאַנג פון דער געשיכטע. לויט דער טעאָריע קומט-אויס, אַז די ווילדע גערמאַנישע פעלקער זענען עס געוועזען די טרעגער פון גרויסע אידעען, מיט דער הילף פון וועלכע זיי האָבען בעזיגט די רוימער מיט זייער הויך-ענטוויקעלטער קולטור.

באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַזאַ מין בעלייכטונג פון היסטאָרישע פאַקטען איז נישט בעפרידיגענד, אַז עס איז נאָך נויטיג צו וויסען. אין וועלכע בעדינגונגען האָט געלעבט דאָס פאָלק אין דעם אָדער יענעם היסטאָרישען מאָמענט, זיין קולטורעלען צושטאַנד, זיינע מנהגים א. אַז. וו. עס ווערט אויף אַזאַ אופן בעשאַפען די קולטור-געשיכטע, און די קולטור פון פאָלק בעקומט די בעדייטונג פון דער בעוועגענדער היסטאָ-

רישער קראַפט.

דערנאָך איז געקומען דער סטאַטיסטישער מעטאָד, ד. ה. דער מעטאָד פון מאַסען־אויספאָרשונגען, וואָס האָט געהערשט אין דער וויסענשאַפט אַ גאַנץ לאַנגע צייט, אפילו נאָך אין פערלויף פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. אַ גרויסע בעדייטונג האָבען געהאַט די אויספאָרשונגען פון בעלגישען היסטאָריקער קעטלע, וואָס האָט קלאָר און דייטליך ענטדעקט די מאַכט, וואָס עס האָבען עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע בעציהונגען איבער דעם ווילען פון איינצעלנע פערזאָנען און אפילו גאַנצע געזעלשאַפטען. איינצייטיג האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייה היסטאָרישע אויספאָרשונגען, בעזונדערס בנוגע דער עקאָנאָמישער געשיכטע. די אויספאָרשונגען האָבען געבראַכט זעהר אַ רייכען מאַטעריאַל, אויף וועלכען קיינער האָט זיך פריהער גאָרנישט אומגעקוקט און וואָס האָט דערנאָך בעקומען אַ געוואַלטיגע בעדייטונג פאַר'ן פערשטעהן דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

* *
*

אָט אַזוי איז צוגעגרייט געווען דער באָדען, ווען אין מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט איז אַרויסגעטרעטען קאַרל מאַרקס מיט זיין ענטדעקונג, וואָס האָט געשאַפען אַ גאַנץ נייע עפּאָכע; ער האָט בעגרינדעט אַ נייע טעאָריע, די טעאָריע, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען: „די מאַטעריאַליסטישע."

אינקורצען איז די טעאָריע פאָרמולירט געוואָרען אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט פון יאָהר 1847. דאָרט ווערט געזאָגט: „די גאַנצע געשיכטע פון מענשליכען געדאַנק לערנט אונז, אַז דאָס אינטעלעקטועלע שאַפען פערענדערט זיך פאַראַלעל מיט דער פערענדערונג פון מאַטעריעלען שאַפען. די אידעען פון הערשענדען קלאַס זענען די הערשענדע אידעען פון דער אָדער יענער עפּאָכע. רעדט מען פון אידעען, וואָס רעוואָלוציאָניזירען די גאַנצע געזעלשאַפט, ווייזט מען דערמיט אייגענטליך אָן נאָר אויף דעם פאַקט, אַז טיף אין דער אַלטער געזעלשאַפט זענען שוין בעשאַפען געוואָרען די עלע-

מענטשען פון דער נייער, אַז פּאַראַלעל מיט דער צעשטערונג פון די אַלטע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען ווערען אויך צעשטערט די אַלטע אידעען.

קלאָרער האָט מאַרקס פאָרמולירט זיין מעטאָד אין זיין „קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע":

„די פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען, זאָגט ער, שאַפען די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון געזעלשאַפטען, דעם רעאַלען באָדען אויף וועלכען עס ווערען אויפגעשטעלט די רעכטליכע און פּאָליטישע געביידעס, און צו וועלכע עס פּאַסען זיך-צו בעשטימטע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען בעוואוסטזיין. דער אינדוסטריעלער כאַראַקטער פון מאַטעריעלען לעבען פעראורזאַכט בכלל דעם גאַנג פון סאָציאַלען, פּאָליטישען און גייסטיגען לעבענס-פּראָצעסען. נישט דאָס בעוואוסטזיין פון מענשען בעשטימט די פאָרמען פון זייער לעבען, נאָר פערקעהרט, דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען בעשטימט די פאָרמען פון מענשליכען בעוואוסטזיין".

אָט די קורצע פאָרמולירונג פון דער טעאָריע האָט שפּעטער, שוין נאָכ'ן טויט פון קאַרל מאַרקס, פיל ברייטער ענטוויקעלט אין איינעם פון זיינע ווערק פ. ענגעלס. „דער בעשטימענדער מאָמענט אין דער היסטאָריע, לויט'ן מאַטעריאַליסטישען פערשטעהן, זאָגט ער, איז די פּראָדוקציע פון לעבען. די פּראָדוקציע איז אַ צוויייענדיגע: פון איין זייט איז עס די פּראָדוצירונג פון לעבענס-מיטלען, דערנעהרונגס-מיטלען, קליידער, וואוינונג און כלים, געוועהר וואָס איז נויטיג דערצו, און פון דער צווייטער זייט- דאָס שאַפען פון מענשען גופא, דאָס קינדער-געבעהרען. די געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטען, וואָס אונטער זייער ווירקונג לעבען מענשען פון אַ געוויסען לאַנד אין אַ געוויסער עפּאָכע, ווערען פעראורזאַכט דורך ביידע מינים פון מענשליכען שאַפען: דורך דער ענטוויקלונגס-מדרגה פון דער פּראָדוקציע פון איין זייט און דער ענטוויקלונגס-מדרגה פון פאַמיליען-לעבען פון דער צווייטער זייט."

ענגעלס האָט אַלזאָ אַריינגעבראַכט אין דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע דעם פאַקטאָר, וואָס איז דורך עטליכע היסטאָריקער שוין פריהער אָנגענומען געוואָרען אַלס גרונד-געזעץ ביים

טיילען די היסטאָריע אויף געוויסע פעריאָדען, נעמליך: **די לאַ-
גע פון דער פרוי אין דער געזעלשאַפט.**

* *
*

ס׳וואָלט אָבער געוועזן אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז
קאַרל מאַרקס׳ס טעאָריע פון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם לייקענט
אָב לחלוטין די בעדייטונג פון מענשליכען ווילען אין דער גע-
שיכטע. אָט וואָס עס זאָגט וועגען דעם פרידריך ענגעלס: „מענ-
שען שאַפען אַליין זייער געשיכטע, ווי זי זאָל נישט זיין; יע-
דער איינער פערפאָלגט בעוואוסטזיניג זיין אייגען ציל און די
רעזולטאַטען פון די אַלע ווילענס-סוביעקטען, וואָס ווירקען אין
די פערשידענסטע ווענדונגען און די פערשידענסטע מאָדוסען
פון זייער ווירקונג אויף דער אויסערליכער וועלט—שאַפען עס
די געשיכטע. אַלזאָ אַלץ ווענדט זיך דערפון, וואָס עס ווילען
אָט די פילע איינצעלנע פערזאָנען. פרעגט זיך אָבער, וואָס פאַר
אַ בעוועגענדע קראַפט ליעגט בעהאַלטען הינטער די מאָטיוועז,
וואָס פאַר אַ היסטאָרישע סיבות, וואָס ווערען אין די מוחות פון
מענשען פערענדערט אין מאָטיוועז פון זייער טעטיגקייט; אויב
מיר ווילען אויסגעפינען די בעוועגענדע קרעפטען פון דער הי-
סטאָריע, וואָס רופען-אַרויס בעוואוסטזיניג (זעהר אָפט אונבע-
וואוסטזיניג) די מאָטיוועז פון דער מענשליכער טעטיגקייט, מו-
זען מיר נעהמען אין אַכט נישט די מאָטיוועז פון איינצעלנע,
אפילו בעדייטענדע, פערזענליכקייטען, נאָר די, וואָס בעוועגען
גרויסע מאַסען, גאַנצע פעלקער אָדער גאַנצע קלאַסען פון יעדע-
ווייסען פאָלק. מיר מוזען זיך דערביי צוקוקען נישט צו די שנעל-
פאַרבייגעהענדיגע, מעהר אָדער וועניגער צופעליגע געשעהעניסען,
נאָר צו דער לאַנגדויערנדער טעטיגקייט, וועלכע ברענגט צו
גרויסע היסטאָרישע פערענדערונגען. די אויספאָרשונג פון אָט די
בעוועגענדע קרעפטען, וועלכע שפיגלען זיך אָב, קלאָר אָדער
נישט קלאָר, דירעקט אין אַ אידעאָלאָגישער אָדער אפילו רעלי-
גיעזער פאָרם, אין די מוחות פון די ווירקענדע מאַסען און זייע-
רע אָנפיהרער, די אַזוי גערופענע גרויסע מענשען, אין דער

פאָרם פון מאָטיווען פון זייערע טאַהטען—אַזאַ אויספאָרשונג איז דער איינציגער וועג, וואָס גיט אונז די מעגליכקייט צו ענטדעקען די געזעצען, וועלכע הערשען סיי אין דער היסטאָריע בכלל, סיי אין בעזונדערע עפּאָכען אין בעזונדערע לענדער. דאָס אַלץ, וואָס דערוועקט דעם מענשען צו טעטיגקייט, דאַרף דורכגעהן דורך זיין מוח; נאָר וואָס פאַר אַ פאָרם עס וועט דאָ אָננעהמען, ווענדעט זיך אין אַ בעדייטענדער מאָס אָן די אַרומיגע בעדינגונגען".

זענענדיג אַלזאָ גאַנץ ווייט פון אָבלייקענען די בעדייטונג פונ'ם מענשליכען ווילען, פערנעהמט זיך דער מאַטעריאַליסטישער מעטאָד הויפּטזעכליך מיט'ן אויסגעפינען די סיבות, וואָס האָבען דעם ווילען אַרויסגערופען.

„דער עקאָנאָמישער מאָמענט, זאָגט ענגעלס, איז לויט דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע דער הויפּט-פּונקט, וואָס בעשטימט דעם גאַנג פון דער היסטאָריע. ס'איז אָבער אַבסאָלוט נישט ריכטיג צו מיינען, אַז דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז די איינציגע בעוועגענדע און בעשליסענדע קראַפט. די עקאָנאָמישע בעדינגונגען—דאָס איז דער באַזיס, דער באָדען, אָבער אַל דאָס איבריגע, וואָס ווערט אויף דעם באַזיס געבויט (ווי למשל, די פּאָליטישע פאָרמען פון קלאַסען-קאַמף און זיינע פאָלגען—די פּאָליטישע אַנשטאַלטען, וואָס ווערען געשאַפען דורך דעם קלאַס, וועלכער האָט געזיגט אינ'ם קאַמף, די רעכטליכע פאָרמען און אפילו די אָבשפּיגלונג פונ'ם קאַמף אינ'ם בעוואוסטזיין פון די קעמפענדע (פּאָליטישע, פילאָזאָפישע און אפילו רעליגיעזע טעאָריעס) ווירקען אויפ'ן גאַנג פון היסטאָרישען קאַמף און זעהר אָפט איז אַן זיי הויפּטזעכליך געווענדט זיין פאָרם.

מיר אַליין שאַפען אונזער געשיכטע, אָבער אין פולער אָבהענגיגקייט פון שטרענג-בעשטימטע גרונד-הנחות און בעדינגונגען. צווישען די לעצטע זענען די עקאָנאָמישע סוף-כל-סוף די בעשליסענדע. אָבער אויך די פּאָליטישע א. אַז. וו. אפילו טראַדיציעס, וואָס זענען איינגעוואָרצעלט אין די מענשליכע מוחות,

שפּילען אין דער געשיכטע אַ בעדייטענדע, אויב אפילו נישט די בעשליסענדע ראָליע.

מען מוז אַלזאָ געדענקען:

א) די פּאָליטישע, רעכטליכע, פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, ליטעראַרישע, קינסטלערישע א. אַז. וו. ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט באַזירען אויף דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג. זיי אַלע אָבער ווירקען געגענזייטיג איינע אויף די אַנדערע און אויף דער עקאָנאָמישער באַזיס. די עקאָנאָמישע לאַגע איז אויף אַזאַ אופן נישט די איינציגע אַקטיווע סיבה, פון וועלכער אַלע איבריגע פאַקטאָרען זענען נאָר פּאַסיווע פועל-יוצא'ס. ניין. עס געהט אַ געגענזייטיגע ווירקונג פון די אַלע אויבענדערמאָהנטע פאַקטאָרען, נאָר אין גרונד פון איהר ליעגט סוף-כל-סוף די פערווירקליכונג פון דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט. די עקאָנאָמישע לאַגע ווירקט אַלזאָ נישט אויטאָמאַטיש.— די היסטאָריע ווערט געשאַפען דורך די מענשען גופא, נאָר אין דער בעשטימטער, דורך איהר פערראורזאַכטער סביבה אויפ'ן גרונד פון די ווירקליכע בעציהונגען, צווישען וועלכע די עקאָנאָמישע, ווי עס זאָלען אויף זיי נישט ווירקען די איבריגע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע—זענען סוף-כל-סוף די בעשליסענדע און געבען דעם איינציג-ריכטיגען פאָדים צום פערשטעהן דעם גאַנג פון דער היסטאָריע.

ב) מענשען שאַפען אַליין זייער געשיכטע, אָבער נישט זייער „אַלגעמיינער ווילען" און נישט לויט אַנ'אַלגעמיינעם פּלאַן; אפילו אין די גרענעצען פון אַ בעשטימטער בעגרענצטער סביבה (אַ מלוכה א.א.) קומט עס נישט פאָר. זייערע שטרעבונגען שטויסען זיך צונויף און נאָר דערפאַר הערשט אין אַזעלכע געזעלשאַפטען שטענדיג די נויטווענדיגקייט און דער צופאַל, וואָס איז אין תוך גענומען אויף אַ געוויסע פערקערפערונג פון דער נויטווענדיגקייט. און נאָך אַלעמען האָבען מיר דאָ צו טוהן מיט דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט. אגב, וועגען די אַזוי גערופענע „גרויסע מענשען". ס'איז פּשוט אַ צופעליגקייט, פערשטעהט זיך, וואָס אין אַ בעשטימטען מאָמענט ערשיינט אין אַ געוויס לאַנד גראַד די פּערזענליכקייט און נישט קיין אַנדערע, אָבער זאָלען

מיר אָט די בעשטימטע פערזענליכקייט צונעהמען, וועט דאָס אָרט בלייטען וואַקאַנט, אַ פערטרעטער וועט נויטיג זיין און — אַ בעסערער אָדער אַן'ערגערער — אָבער ער וועט זיך אָהן צווייפעל געפינען. ס'איז אַ פשוט'ער צופאַל, נאַטירליך, וואָס גראָד נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען דער מיליטערישער דיקטאַטאָר אין דער פראַנצויזישער רעפּובליק, ווען זי איז אויסגעמאַטערט געוואָרען דורך איהרע אייגענע מלחמות; וואָלט אָבער זיך דאַן נישט געפונען נאַפּאָלעאָן, וואָלט געווען אַן'אַנדערער אויף זיין אָרט. אַ בעוויז האָבען מיר, אַז יעדעס מאָל, ווען עס איז נויטיג געווען, האָבען זיך געפונען די נויטיגע מענשען: איז געווען צעזאַר און אויגוסטוס אין רוים, האָט זיך געפונען קראָמוועל אין ענגלאַנד א. אַז. וו. און אַ צווייטער ביישפּיל: קאַרל מאַרקס האָט ענטדעקט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם. אָבער שוין אַ גאַנצע רייה היסטאָריקער ביז איהם האָבען דערוויזען, אַז זיי האָבען געשטרעבט דערצו, אַז עס איז די רעכטע צייט געקומען פאַר דער ענטדעקונג, אַז די מאַטעריאַליסטישע טעאָריע האָט געמוזט ענטדעקט ווערען.

„לייכטער פון אַלץ, זאָגט ענגעלס, וועט זיין צו פערשטעהן די פראַגע פונ'ם שטאַנדפּונקט פון דער אַרבייטס-פונאַנדערטיילונג. דער כלל בעשאַפט געוויסע פונקציעס, וואָס זענען פאַר איהם נויטיג. די מענשען, וואָס זענען בעשטימט צו ערפילען די פונקציעס, בעשאַפען אַ נייעס מין אַרבייט אינ'ם כלל. זיי בעקומען דעריבער אייגענע גאַנץ בעזונדערע אינטערעסען, וואָס זענען געגען די אינטערעסען פון די, וואָס האָבען זיי צו זייער טעטיגקייט בעפולמעכטיגט, און דערפאַר ווערען זיי אונאָבהענגיג פון די ערשטע — ד. ה. עס ווערט געשאַפען דער שטאַט (די מלוכה). די נייע זעלבשטענדיגע קראַפט דאַרף קאָמפּלעקט נאָכגעהן נאָך דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע; ווייל אָבער זי איז זעלבשטענדיג און איהר זעלבשטענדיגקייט ענטוויקעלט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר, רעאַגירט זי און ווירקט אויף די בעדינגונגען און אויף דעם ענטוויקלונגס-גאַנג פון דער פּראָדוקציע. דאָ קומט פאָר אַ געגענזייטיגע ווירקונג פון צוויי נישט גלייכע כוחות: פון איין זייט די נייע עקאָנאָמישע בעוועגונג און פון דער אַנדער זייט די נייע פּאָליטישע מאַכט, וועלכע שטרעבט

ווי ווייט מעגליך צו זעלבשטענדיגקייט און רעאַליזירענדיג-זיך בעקומט זי איהר אייגענעם בעוועגונגס-גאַנג. די עקאָנאָמישע בעוועגונג פּערווירקליכט זיך אינגאַנצען; זי האָט אָבער געגען זיך די פּאָליטישע בעוועגונג, וואָס איז דורך איהר אַליין בעשאַפֿען געוואָרען און האָט בעקומען אַ פערהעלטניסמעסיגע זעלבשטענדיגקייט, ד. ה. די מלוכה־מאַכט פֿון איין זייט און די אָפּאָזיציע, וואָס זי רופט גלייך אַרויס, פֿון דער צווייטער זייט... די ווירקונג פֿון דער מלוכה-מאַכט אויף דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג קען זיין אַ דרייפאַכע: אָדער זי ווירקט אין דערזעלבער ווענדונג—דאַן געהט־צו די זאַך אַסך גיכער; אָדער זי שטערט איהר, און דאַן געהט זי צו איהר אייגענעם אונטערגאַנג, ווי דאָס געשיהט ביי דעם איצטיגען טאָג ביי אַלע גרויסע פֿעלקער; אָדער גאָר זי לאָזט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג נישט געהן אין איין ריכטונג און וויזט איהר אָן אַ צווייטע. דער דריטער פֿאַל ברענגט ענדליך צו איינעם פֿון די ערשטע צוויי. ס'איז אָבער קלאָר, אַז אין צווייטען און דריטען פֿאַל ברענגט די פּאָליטישע מאַכט אַ גרויסען שאָדען דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג און רופט-אַרויס אַנ'אומגעהייערען פֿערלוסט פֿון קרעפֿטען און מאַטעריאַל.

דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגען וועגען רעכט: ווי נאָר עס ווייזט זיך אַרוס די נויטיגקייט פֿון דער אַרבייטס-פֿונאַנדערטיילונג, ערשיינען גלייך פּראָפֿעסיאָנעלע יוריסטען, עס בילדעט זיך אויס אַ נייער זעלבשטענדיגער קרייז, וואָס האָט, נישט קוקענדיג אייף זיין גאַנצער אָבהענגיגקייט פֿון דער פּראָדוקציע און אינדוסטריע, די זעלבשטענדיגע מעגליכקייט צו רעאַגירען אויף זיי"...

ס'ווערט אַלזאָ פֿערשטענדליך, אַז קאַרל מאַרקס און ענגעלס האָבען כלל נישט געמיינט צו בעשאַפֿען פֿון היסטאָרישען מאַטעריאַליזם אַ מעכאַנישע סכעמע. נאָך מעהר, זיי אַליין, אין שטרענגער איינשטימונג מיט'ן מאַטעריאַליסטישען פֿערשטעהן דעם גאַנג פֿון דער היסטאָריע, האָבען אָנגעוויזען דעם פּראָלעטאַריאַט אויף זיין וויכטיגסטע אויפֿגאַבע: די זעלבסטבעפֿרייאונג. און דערויף איז פֿריהער פֿון אַלץ נויטיג אַ ווילען, וועלכער שטרעבט בעוואוסטזיניג צו זיין ציל.

* *
*

עטוואָס באמת וואונדערבאַרעס האָבען אונז געגעבען די לעצטע אויספאָרשונגען פון דער פילאָלאָגיע. ווי בעוואוסט, עקזיסטירען צוויי מיינונגען וועגען דעם, ווי עס איז ענטשטאַנען דאָס מענשליכע רעדען. די איינע זאָגען, אַז דאָס שטאַמט פון קלאַנגען-נאָכמאַכען, און די צווייטע בעווייזען, אַז דאָס רעדען שטאַמט פון דער מענשליכער טעטיגקייט. דער בעוואוסטער פילאָלאָג מאַקס מילער האָט צווישען די 121 גרונד-בעגריפען געפונען נאָר איין איינציגען בעגריף, וואָס שטאַמט נישט פון דער מענשליכער טעטיגקייט. דאָס איז דאָס וואָרט: פליהען. אָט די צווייטע מיינונג קען דינען אַלס אַ וואונדערבאַרע בעשטעטיגונג פון דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע, ווייל דאָס רעדען איז דאָך דער נויטיגער אָרגאַן פאַר'ן מענשליכען דענקען און בעוואוסטזיין: אויב דאָס רעדען שטאַמט פון דער מענשליכער טעטיגקייט, וועלכע איז דאָך אין תוך גענומען עקאָנאָמיש, שטאַמט אַלזאָ פון דערזעלבער קוועלע אויך דאָס בעוואוסטזיין און דאָס דענקען..

כדי נישט צו אָפערירען בלויז מיט טעאָרעטישע הנחות, וועלען מיר פרובען נעהמען אַ וועלכע נישט איז היסטאָרישע ערשיינונג און דערווייזען, אַז הינטער די אידעאַליסטישע פאַקטאָרען ליגען אין דער אמת'ן עקאָנאָמישע פאַקטאָרען, וועלכע ווערען איגנאָרירט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיין גאַנץ זייטיגע ערשיינונגען.

צווישען פערשידענע היסטאָרישע עפּאָכען שיינט די עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען מעהר פון אַלע אַנדערע צו בעשטעטיגען די אידעאַליסטישע טעאָריע. די הערשאַפט פון דער קירך, איהר גוואַלטיגע ווירקונג, איהר מאַכט — דאָס אַלץ מאַכט די „אידעע" פאַר דעם הויפט-פאַקטאָר אין דער היסטאָרישער ענטוויקלונג, אַזוי אַז די בעדייטונג פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען ווערט גאָר פערשוואונדען. איין מעכטיג וואָרט פון פויפסט אורבאַן IIV, וואָס ער האָט געזאָגט אין קלערמאָן דעם 26 נאָוועמבער 1095: „גאָט וויל אַזוי!" („Deus lo volt") — האָט געשאַפען אַ גראַנדיעזע

בעוועגונג פון די קרייץ-צוגען. אַזוי, וועניגסטענס, דערצעהלט געוועהנליך די געשיכטע. און ביז איצט האָט מען טאַקי געגלויבט, אַז בלויז דער רעליגיעזער עקסטאַז האָט דערוועקט הונדערטער טויזענדער מענשען צו פערלאָזען זייער פאָטערלאַנד און אַוועקלאָזען זיך אין מלחמות אויסצוקעמפען דאָס הייליגע לאַנד.

גאַנץ געוויס. דער אידעאַלער מאָמענט טרעט אין די ערשיינונגען אַרויס פיל קלאָרער און בולט׳ער, ווי אַלע אַנדערע. ער גיט זיי צו די פאָרם און די גאַנצקייט. מיר טאָרען אָבער אין קיין פאַל נישט איבערשאַצען די בעדייטונג פון דער רעליגיעזער התלהבות, אַלס עסטעטישען מאָמענט און בעוועגענדע קראַפט אין דער היסטאָריע. פאַר דער גרעסטער מעהרהייט האָט אין יענער צייט דאָס קריסטענטום געדינט נאָר פאַר׳ן איבערפלעכליכען גלאַנץ, אונטער וועלכען ס׳איז בעהאַלטען געוועזן די זאַמע עקעלהאַפטע ווילדקייט און באַרבאַרישקייט. די ליבעראַלע היסטאָריקער בעשולדיגען דערין די קאַטוילישע קירך, ס׳איז אָבער אַ גרויסער טעות.

אין פריהען מיטעלאַלטער איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייה קלענערע און גרעסערע מלחמות, וואָס האָבען נישט געקענט בלייבען אָהן אַ שלעכטער ווירקונג אויפ׳ן פאָלק. די קירך און איהרע אָפיציעלע פאָרשטעהער זענען אַריינגעצויגען געוואָרען אין די מלחמות און אַרונטערגעפאַלען אונטער זייער ווירקונג. אַלענפאַלס, גראָד די קירך איז געווען דער איינציגער מקום-מקלט פאַר נאָך נישט אינגאַנצען פערגרעבטע מענשען, און דעריבער האָט די קירך בעקומען איהר אונגעהויערע ווירקונג. דער אידעאַליזם אַלזאָ האָט אָהן ספק געשפּילט אַ בעדייטענדע ראָליע אין דער קרייץ-בעוועגונג.

דערפון איז אָבער נאָך נישט געדרונגען, אַז די מאַטעריאַליסטישע טעאָריע איז נישט ריכטיג. לײדער איז זעהר קליין דאָס מאַטעריאַל, וואָס קען אונז געבען אַ גענוי בילד פונ׳ם עקאָנאָמישען צושטאַנד אין יענער צייט. לויט דעם אָרימען מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ, קענען מיר נאָר בעקומען דאָס בילד פון יענער עפּאָכע אין אַלגעמיינע, גראָבע שטריכען.

אין די לענדער, וואו די קרייץ-בעוועגונג איז צום-מעהר-

סטען שטארק געווען, בעגעגענען מיר צו יענער צייט צוויי הערשענדע קלאסען: דעם אדעל (די פריצים) און די גייסטליכע. אינ'ם דעמאלדיגען פראנקרייך איז קיין פריי פויערטום שוין לאנג נישט געווען. פערשידענע בעדינגונגען האבען איהם גע־צוואונגען פערקנעכטעט צו ווערען ביי די פריצים פון איין זייט און ביי דער קירך הויפטזעכליך פון דער צווייטער. די עקאנא־מישע מאכט פון דער קירך איז געווען דער באדען פון איהר גייסטיגער מאכט.

די נויטיגע ארבייט איז צווישען די הערשענדע קלאסען געווען פונאנדער־געטיילט אויף אזא אופן, אז דער אדעל האט ערפילט זיין מיליטערישע פליכט און די קירך האט זיך בע־גרענצט מיט קולטורעלער ארבייט, אריינרעכענענדיג דערין אפילו די קענטעניש פון לייענען און שרייבען. די קירך האט געלי־פערט אלץ, וואס האט נאר א וועלכע נישט איז שייכות מיט קענטעניש: דאקטוירים, יוריסטען, לעהרער און בעאמטע. אווע־סערדעם האט די קירך ערפילט נאך פיל אנדערע פונקציעס, וואס זענען נויטיג ביי א נאטור־ווירטשאפט: זי האט איינגעאר־דנעט קראנקען־הייזער, מושב־זקנים'ס א. אז. וו. די פונקציעס פון דער קירך זענען אלזא אין א בעדייטענדער מאס געווען עקאנאמישע—און דערמיט, צוזאמען מיט דעם וואס זי האט פער־מאגט א בעדייטענדען שטח פון געוועזענער פויערשער ערד, מוז מען זיך שטארק רעכענען.

די קליינע סימנים פון בורזשואזיע, וועלכע האט זיך דאן אנגעהויבען צו ענטוויקלען, האבען זיך געפונען אין די גרעסערע שטעט פון דרום־פראנקרייך און איטאליען. דער גרעסטער טייל בעל־מלאכה'ס איז אויך געווען פערקנעכטעט ביי דער קירך אדער ביי די פריצים. מיר וועלען אינגיכען זעהן, אז שוין דערמיט האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען דער קלאסען־קאמף פון דער בורזשואזיע. צוגלייך מיט דעם האט זיך ענטוויקעלט די געלד־ווירטשאפט און ס'איז געוואקסען דער קאפיטאל. דאס האט זעהר פיל מיטגעהאלפען דער פערווירקליכונג פון דער קרייץ־בעוועגונג. די בעוועגונג ווייטער פון איהר זייט האט מיטגעהאלפען דער ענטוויקלונג פון דער מיטעלאלטערישער בורזשואזיע.

די קלענערע פריצים זענען געווען פערהעלטניסמעסיג אָרים, וויל די גאַנצע הכנסה זייערע איז בעשטאַנען פון די נאַטוראַלע אָבצאָהלען, וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייערע פויערים. עס פלעגט זיי דעריבער אויסקומען צו דינען ביי די רייכערע פריצים—די גרויסע פעאָדאַלען—כדי צו זיין אימשטאַנד צו פערגרעסערן זייערע איינקונפטען דורך מלחמה-רויב. און דאָס איז דעמאָלט געווען גאַנץ לייכט, וויל מלחמות און איבערהויפט רויבערייען זענען דאַן געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג. פאַר זעהר אַסך פאָרשטעהער פון די הערשענדע קלאַסען איז רויבעריי געווען כמעט די איינציגע קוועלע, פון וואַנען זיי האָבען געצויגען זייער חיונה. רויבעריי איז אַלזאָ געוואָרען דעמאָלט אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר. און אַזוי ווי ביי דער שטאָטישער בעפעלקערונג איז קיין סך נישט געווען וואָס צו נעהמען, האָט מען גערויבט איינער ביים צווייטען, און פאַר אַלעמען איז, פערשטעהט זיך, געווען אַסך בעקוועמער און גלייכער, ווען די רויבעריי איז געווענדט געווען אויף דרויסען, אויף פרעמדע פעלקער—אויף אַזעלכע אונטערנעהמונגען האָבען זיך אַלעמאָל געפונען אַסך בעלנים.

דעם ערשטען, בכבוד׳יגסטען אָרט אין דער רויבער-אַרבייט האָבען פערנומען די נאָרמאַנען (אַ פאָלק, וואָס האָט געוואוינט אין היינטיגען סקאַנדינאַוויען). אין יאָהר 911 האָבען זיי פערנומען רואַן אין נאָרמאַנדיען (צפון-פראַנקרייך). באַלד דערויף איז זיי דאָס לאַנד וועניג געוואָרען און זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין אַפוליען און סיציליען (דרום-איטאַליען) און אין יאָהר 1066 האָבען זיך 30 טויזענד נאָרמאַנען אונטער דער אָנפיהרונג פון ווילהעלם דעם עראָבערער אַריבערגעקליבען קיין ענגלאַנד, צעקלאַפּט דאָס מיליטער פון ענגליש-זאַקסישען קעניג, צעטיילט צווישען זיך דאָס לאַנד און איינגעפיהרט אומעדום דאָס פעאָדאַלע סיסטעם.

קיין איינע פון די מלחמות איז נישט דורכגעגאַנגען אָהן אינערליכע סיכסוכים און רייסערייען. יעדערן האָט זיך געוואָלט בעקומען אַ בעסערן חלק, און גאַנץ נאַטירליך, אַז פאַר די נאָרמאַנען איז אַלץ וועניג געווען און עס האָט זיי אַלץ געצויגען

ווייטער און ווייטער. און שוין ווען זיי האָבען זיך בעזעצט אין סיציליען, האָבען זיי גלייך געוואָרפען אַנ׳אויג אויף גריכענ-לאַנד.

און לאָמיר נישט פערגעסען, אַז די הויפט-ראָליע אין דער קרייץ-בעוועגונג האָבען געשפּילט גראָד די נאָרמאַנען, הויפט-זעכליך די פראַנצויזישע און ענגלישע. די לעצטע זענען צוגע-שטאַנען אַסך שפּעטער, ווייל דאָס רויב אין ענגלאַנד איז נאָך געווען פריש און האָט זיי נאָך בעפריידיגט. אָבער ווי נאָר זיי האָבען דערפיהלט, אַז עס הייבט זיי אָן אויסצופעהלען, האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ קרייץ-צוג, אונטער דער אָנפיהרונג פון ריכאַרד דאָס לייבען-הארץ. די גרעסטע ראָליע האָבען געשפּילט די פראַנצויזישע נאָרמאַנען, ווייל זיי זענען געווען בעסער אָר-גאַניזירט פון אַלע אַנדערע: אגב, ביי זיי האָט זיך די שטרע-בונג צו רויבען פון אָנפאַנג נישט אַרויסגעוויזען אַזוי שטאַרק, אָבער דערנאָך איז עס געוואָרען גאַנץ קלאָר. די דייטשען האָ-בען אין דער גאַנצער בעוועגונג פערנומען גאָר אַ קליין אָרט, און די סיבה איז געווען זייער נישט-אָרגאַניזירטקייט, וואָס האָט זיך גענומען פון שטענדיגע אינערליכע סיכסוכים.

* *
*

און איידער עס האָבען זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּאַלעסטינאַ די בלוטדורשטיגע ריטערס, זענען אַהין געגאַנגען פרומע פּילגער (עולי-רגל). און קומענדיג צוריק, האָבען זיי דערצעהלט נישט נאָר וועגען ניסים פון הייליגען לאַנד, נאָר אויך וועגען דעם, אַז דאָרט איז פאַרהאַן זעהר פיל גאָלד, גאַנצע אוצרות, טייערע שטיינער און... שענע פרויען.

ס׳איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס פאַר אַנ׳איינ-דרוק עס האָבען געמאַכט די ערצעהלונגען. לאָמיר נאָך צוגעבען, אַז אין יאָהר 1095 האָט אין פראַנקרייך געהערשט אַ הונגער, וועט אונז קלאָר ווערען, אַז מיר האָבען דאָ צו טוהן מיט אַסך עקאָנאָמישע פאַקטאָרען.

דער ערשטער קערן פון אַ פרייער בורזשואַזיע,—דאָס זענען

געווען די יידען, וואָס האָבען דעמאָלט געוואוינט אין די צפון-לענדער. און ס'איז קיין וואונדער נישט, וואָס אין די לענדער האָט זיך אַלעמאָל די קרייץ-בעוועגונג אָנגעהויבען פון יודישע פּאָגראָמען. אינטערעסאַנט, אַז בעת'ן צווייטען קרייץ-צוג האָט זיך דער הייליגער בערנאַרד פון קלערוואָ איינגעשטעלט פאַר די יודען און ערקלערט, אַז עס איז נישט רעכט און נ י ש ט ק ל ו ג אויסצוהרג'ענען די יודען, וואָס האָבען נישט אָנגענומען דאָס קריסטענטום:—גלייכער איז צו צווינגען זיי, זיי זאָלען צאָהלען צינזען לטובת די קרייץ-צוגען.

אין זיין „אַלגעמיינער געשיכטע" זאָגט וועבער, איינער פון די מעהר פאַרזיכטיגע און אָביעקטיווסטע היסטאָריקער, פאָל-גענדעס:

„דאָרט, וואו עס איז נישט גענוג שטאַרק געווען דער כּוח פון רעליגיעזער התלהבות, האָבען געהאָלפען אַנדערע מאָטיווען: דער דורשט פון קאַמף, פון מלחמה, די האָפנונג אויף אַ רייכען קריגס-רויב, אויף אונגעהויערע אוצרות, שענע געפאַנגענע פרוי'ען און פערגניגענס, אויף מלוכות און לענדער, ווי די נאָרמאַנען אין אַפּוליען און סיציליען. די אָרימע האָבען געהאָפט זיך אַרויסצו-רייסען פון נויט, פון אונטער'ן דרוק פון דלות, וואָס האָט זיי געשטיקט אינדערהיים, די בעלי-חובות האָבען געהאָפט זיך אַרויס-צורייסען פון די נעגעל פון די פּראָצענטניקעס... נאָך זיי זענען נאָכגעגאַנגען די אַלע, וואָס האָבען געוואָלט ציהען נוצען פון דער התלהבות: זינגער, פּאָיאַצען, מוזיקאַנטען גאַנצע באַנדעס, מענער און פרויען—און צווישען זיי אַלעמען האָט געקלונגען דער רעליגיעזער קריגס-רוף: „גאָט וויל אַזוי".

וועגען דעם אָנפיהרער פון די פראַנצויזישע נאָרמאַנען, ראָבערט, ווערט דערצעהלט, אַז אַיהם איז שטאַרק נישט געגאַנגען אין זיין פּאָטערלאַנד, איבערהויפּט אין די סיכסוכים מיט זיינע צוויי ברידער, וואָס האָבען געוואָלט ביי איהם צונעהמען זיין פערמעגען.

כּמעט דאָסזעלבע גיט מען איבער וועגען דעם אָנפיהרער פון די אַפּוליער באָעמונד—וועגען איהם, בשעת ער האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון די קרייץ-צוגען, האָט מען אפילו

ניִשט געוואוסט, וואוהין קלויבט ער זיך—קיין ירושלים אָדער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

נאָך אַ בעווייז דערצו, אַז די גאַנצע קרייץ-בעוועגונג האָט געטראָגען אַ כאַראַקטער פון רויבערישע עקספּעדיציעס, איז דאָס, וואָס דער גריכישער קייזער האָט זעהר מורא געהאַט פאַר זיי. טיילווייז מיט כּוח, טיילווייז מיט גענאַרעריי האָט ער אַרויסבעקומען ביי די ריטער׳ס אַ שבועה, אַז אַלע לענדער, וואָס זיי וועלען איינגעהמען אין קליין-אַזיען, זאָלען זיי אָבגעבען אונטער זיין מאַכט. און ס׳איז ווידער פערשטענדליך, אַז די ריטער׳ס האָבען זייער שבועה געבראָכען, און באָעמונד איז אפילו אַרויס אין מלחמה געגען דעם גריכישען קייזער.

„דאָס איינגענומענע לאַנד,—דערצעהלט וועבער,—איז צעטיילט געוואָרען צווישען די פעאָדאַלען; אין ירושלים׳ער קעניגרייך האָבען געהערשט פעאָדאַלע איינריכטונגען. די קריסטען האָבען מעהר געזאָרגט וועגען ערדישע פערגניגענס, ווי וועגען די נצחונות פון זייער אמונה".

* *
*

אין אָנהויב פון צווייטען קרייץ-צוג האָט זיך צווישען דער שטאָטישער בעפעלקערונג אָנגעהויבען אַ געגען-בעוועגונג, וואָס האָט אידעאָלאָגיש אָנגענומען די פאָרם פון „אפּיקורסות". אין רוים איז אפילו אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע, ס׳איז דאָרט ערקלערט געוואָרען אַ רעפּובליק, דעם פּויפּסט האָט מען אַראָבגעזעצט, און צייטווייליג איהם אַרויסגעטריבען. אַנ׳עהנליכע בורזשואַזע „אפּיקורסישע" בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין דרום-פראַנקרייך, ווען איינער פון דעם פּויפּסט׳ס נאָהנטסטע מיטהעלפער האָט דאָרט אויפגעהויבען אַנ׳אַגיטאַציע פאַר אַ נייעם קרייץ-צוג. איהם האָט זיך איינגעגעבען צוצוציהען אויף זיין צד דעם פראַנצויזישען קעניג לואי VII. אָבער דאָס העכערן די ציִנזען לטובת די קרייץ-צוגען האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אונצופרידענהייט סיי צווישען די גייסטליכע, סיי צווישען דער שטאָטי-

שער בעפעלקערונג,—ווייל זיי זענען דורכ̄דעם געצוואונגען געווען צו פערזעצען זייער פערמעגען.

עס לוינט זיך אָבצושטעלען אויף די עקאָנאָמישע גאַראַנטיעס, וואָס זענען געגעבען געוואָרען די אָנטיילנעהמער פון די קרייץ-צוגען. דער פויפּסט האָט גענומען אונטער זיין שוץ די פערלאָזטע פאַמיליעס, האָט גאַראַנטירט דאָס פערמעגען פון די וואָס געהען אַוועק, בעפרייט זיי פון צאָהלען חובות די גאַנצע צייט פון קרייץ-צוג. דערצו זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע פערלייכטערונגען.

די דייטשען, וואָס האָבען פון אָנהויב געהאַט בעשלאָסען אַרויסצוטרעטען צו אַ בעשטימטער צייט, כדי צו קומען פריהער פאַר די פראַנצויזען, האָבען זיך דערנאָך בעקלערט און אָנשטאָט אַ רויבערישער עקספּעדיציע אין ווייטען פאַלעסטינאַ, האָבען זיי בעשלאָסען בעסער אָנצופאַלען אויף זייערע נאָהענטע שכנים, די ווענדען. און אַזוי ווי די ווענדען זענען נאָך צו יענער צייט געווען געצענדינער, האָט דער רויבערישער אָנפאַל אויף זיי בעקומען די בערעכטיגונג אין דעם פּנים פון אַ קרייץ-צוג.

צוריקוועגס זענען סיי די דייטשען, סיי די פראַנצויזען אָנגעפאַלען אויף גריכענלאַנד, האָבען דאָרט גערויבט און פערוויסטעט דאָס לאַנד, און ס'איז אויסגעקומען מיט גוואַלט זיי אַרויסצוטרייבען קיין קליין-אַזיען. דאָרט האָט זיי די בעפעלקערונג נישט געוואָלט אַריינלאָזען אין די שטעט, געלאָזט זיי שטעהן הינטער די ווענד פון שטאָט, גענומען ביי זיי פאַר עסענוואַרג זעהר הויכע פרייזען און, אָבנעהמענדיג דאָס געלד פאָרויס, אַרויסגעגעבען זיי זעהר שלעכטע פראָדוקטען—מעהל אויסגעמישט מיט ליים,—אַזוי אַז שוואַכערע פלעגען אויסשטאַרבען, עסענדיג אויסגעהונגערטערהייד אַזעלכע שפּייז. פון הייהלען און אַנדערע בעהעלטענישען פלעגען די אָרטיגע איינוואוינער אָנפאַלען אויף זיי און אויס'הרג'ענען, אָדער מיט אַ כּיוון געבען זיי פאַלשע פיהרער וואָס האָבען זיי אָראָבגעפיהרט פון וועג.

* *
*

איידער מיר געהען-איבער צום דריטען קרייץ-צוג, אין וועל-

כען עס האָבען זיך בעטייליגט די לעגענדאַריש-געוואָרענע רי
כאַרד דאָס לייבען-האַרץ (פון ענגלאַנד) און פרידריך באַרבאַראָ
סאַ (פון דייטשלאַנד), מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף איינער
זעהר אַ וויכטיגער ערשיינונג.

הגם דער ערשטער אויפשטאַנד פון דער שטאָטישער בור
זשואַזיע האָט זיך נישט איינגעגעבען און די רעוואָלוציע אי
רוים איז דערשטיקט געוואָרען, דאָך האָט זיך די בורזשואַזי
וואָס ווייטער אַלץ מעהר ענטוויקעלט און געקליבען כוחות. אויפ
אָרט פון אונטערדריקטען רוים האָבען זיך ערשט אויפגעהויב
די שטעט פון לאָמבאַרדיען (צפון-איטאַליען) מיט מילאַן אין דע
שפיץ. אָבער דער אויפשטאַנד האָט זיך געענדיגט נאָך טרויר
גער, ווי אין רוים—מילאַן איז אויפ'ן באַרבאַרישסטען אופן צו
שטערט געוואָרען. דאָך נישט קוקענדיג דערויף איז שוין מיט
יאָהר שפּעטער, אין יאָהר 1168, ווידער אויסגעבראָכען אַן'אוי
שטאַנד פון די לאָמבאַרדישע שטעט מיט'ן צוריק אויפגעלעבטע
פערפעסטיגטען מילאַן אין דער שפיץ. דער קעניג איז געצוואו
גען געוועזען צו אַנטלויפען פון לאַנד. אַכט יאָהר שפּעטער, א
יאָהר 1176, אין דער שלאַכט צווישען מיליטער פון דעם שטע
פערבאַנד און דעם מיליטער פון קעניג האָט דער לעצטער ג
ליטען אַ גרויסע מפלה. ערשט דאַן האָט ער פערשטאַנען, אַז
בורזשואַזיע איז אַ גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט, וואָס לאָזט ז
פיהלען אויך אין פּאָליטישען און מיליטערישען זין. אַ יאָהר ה
בען די איינוואוינער פון וועניציע געפאָדערט פון פויפּסט אַל
קסאַנדער דעם דריטען, ער זאָל צוזאַמענרופען אַ שלום-קאָנגר
אין וועניציע. אויפ'ן קאָנגרעס איז דעם קעניג אויסגעקומען
צוזאַמענצורעדען מיט די פאָרשטעהער פון די שטעט. „אויף ד
קאָנגרעס, זאָגט וועבער, איז צום ערשטען מאָל פעסטגעשטע
געוואָרען, אַז אויסער דעם אַדעל און דער קירכען-מאַכט עק
סטירט נאָך אַ דריטע מאַכט—די שטאָטישע בורזשואַזיע. און
אָנערקענונג האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג און אַ גרויסען זי

די בורזשואַזיע פון דרום-פראַנקרייך און צפון-איטאַליען
געוועזען די ערשטע שוואַלב אין פראָצעס פון דער בורזשואַזער ב
פרייאונג און פון דעמאַלט אַן איז די שטים פון דער שטאָטיש

בעפעלקערונג, די שטים פון סוחרים-שטאַנד געוואָרען אַ מעכטיגע קראַפט.

* *
*

דער דריטער קרייץ-צוג האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1189. ריכאַרד דעם לייבענהאַרץ האָט זיך שטאַרק געוואָלט אָנהויבען דעם קרייץ-צוג פון אַן אָנפאַל אויף סיציליען—ד. ה. אויף זיין „קריסטליכען" פערבונדעטען. אָבער דערין האָט זיך איינגעמישט דער קעניג פיליפ פון פראַנקרייך און האָט נישט דערלאָזט דערצו: נישט האָבענדיג קיין ברירה, איז ריכאַרד בעפאַלען דעם „קריסטליכען" קעניג פון ציפערן, האָט צוגענומען ביי איהם דאָס לאַנד און אָבגעגעבען עס זיינע ענגליש-נאָרמאַנישע ריטערס. דערנאָך איז ער אַוועק געגען די „נישט-גלויביגע". יענע אָבער זענען דאַן געווען אונטער דער הערשאַפט פון מעכטיגען סאַלאַדין, און צווישען די „גלויביגע" האָבען געהערשט אייביגע סיכסוכים—איז זיי טאַקי אויסגעקומען זעהר שלעכט.

פרידריך באַרבאַראָסאַ האָט זיך אויך געפיהרט נישט אַזוי גלייך. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין מיליטער קיין אַרמעניען, וואָס איז נאָך צו יענער צייט געווען אַ זעלבשטענדיגע קריסטליכע מלוכה און האָט אפילו אָפט נוצען געבראַכט די ריטערס בשעת די קרייץ-צוגען. דער צוועק אַלזאָ פון זיין עקספעדיציע איז כלל נישט געווען איינצופלאַנצען דאָס קריסטענטום, נאָר פשוט איינצושטעלען אין אַרמעניען זיין פראָטעקטאָראַט, דעם פראָטעקטאָראַט פון אַ דייטשען הערשער, וואָס זאָל שטעהן אַנטקעגען די פראַנצויזען פון ירושלים'ער קעניגרייך. „וואָס מען האָט נישט געקאָנט צונעהמען ביי די אונגלויביגע, האָט מען געשלעפט ביי די קריסטען".

און ערשט דער דריטער פון דער שענער: חברה „נאָך ערגער פאַר ריכאַרד'ן איז געווען זיין פערבונדעטער פיליפ פון פראַנקרייך. ער איז דאָס געווען דער הויפט-אָנפיהרער פון די יידישע פאָגראָמען. נאָך אין יאָהר 1180 האָט ער אָהן שום סיבה צונויפגעטריבען און פערשלאָסען אַלע יידען אין שוהל און

אַרויסגעלאָזט זיי ערשט דאַן, ווען מען האָט איהם בעצאָהלט אַ היבשע סומע געלד. באַלד נאָכדעם האָט ער ערקלערט פאַר נישט גילטיג אַלע געלד-התחייבות'ען פון די קריסטען און סוף-כל-סוף האָט ער אַרויסגעטריבען די יידען פון לאַנד".

באַרבאַראָסאַ איז דערטרונקען געוואָרען נאָך איידער ער איז צוגעקומען ביז סיריען און פאַלעסטינאַ; זיין יורש—היינריך IV—האָט אין 1195 אויפגעהויבען אַ קרייץ-בעוועגונג אין באַרי. „דערמיט האָט ער געוואונען צוויי זאַכען: ערשטענס איז ער שלום געוואָרען מיט דער קירך און, צווייטענס, האָט ער פערשפרייט זיין הערשאַפט אויפ'ן מזרח, אויף וואָס ער האָט געלעגט גרויסע האָפנונגען: דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט אָנצופאַלען אויף גריכענלאַנד פון צוויי זייטען (אַפוליען און סיציליען האָט ער שוין פריהער געהאַט צוגענומען ביי די נאָרמאַנען). רעליגיעזע מאָטיווען זענען איהם אינגאַנצען פרעמד געווען". דאָס נאָהענטסטע ציל זיינס איז געווען קאָנסטאַנטינאָפאָל, אָבער דאָ זענען אויפ'ן ערשטען פלאַן אַרויסגעטרעטען די איינוואוינער פון ווענעציע. לכתחילה איז אונטערגענומען געוואָרען אַ קרייץ-צוג געגען מצרים, אָבער אין דער אמת'ן איז עס געווען געווענדט געגען גריכענלאַנד, און דער אָנפאַל אויף דער „קריסטליכער" מלוכה האָט זיך איינגעגעבען פיל בעסער, ווי אַלע עקספעדיציעס געגען „די אונגלויביגע". דעם 12-טען אַפריל 1204 איז קאָנסטאַנטינאָפאָל געווען גענומען. „זיי האָבען זיך דאָרט אויפגעפיהרט,—דערצעהלט דער היסטאָריקער,—ווי אַ באַנדע רויבער". זיי האָבען נישט נאָר צערויבט די דאָזיגע רייכסטע שטאָט פון יענער צייט,—זיי האָבען צעשטערט פיל קונסט-דענקמעלער, וואָס זענען געבליבען פון אַלטערטום. ס'איז איינגעאָרדנעט געוואָרען אַ לאַטיינישע מלוכה מיט פעאָדאַלע אינסטיטוציעס, און אין אַלטען גריכענלאַנד האָבען אָנגעהויבען בעל-הבית'עווען פראַנצויזישע און דייטשע ריטערס. אמת זייער זיג האָט גאָר נישט-לאַנג געדויערט, און פערדינט פון דער גאַנצער געשיכטע האָבען די ווענעציאַנער. פאַר דער טובה, וואָס זיי האָבען געטוהן דעם הערשער פון מצרים דערמיט, וואָס זיי האָבען אָבגעווענדעט די צרה פון איהם אויף גריכענלאַנד, האָט ער געשלאָסען מיט זיי אַ האַנדעלס-אָבמאַך אויף זעהר בעקוועמע

בעדינגונגען פאַר זיי. ס'איז שווער צו גלויבען, אַז זיי זאָלען נישט האָבען אויסגערעכענט אויף אַזאַ אָבמאַך פון סאַמע אָנהויב".

די זאַך איז, וואָס די יונגע בורזשואַזיע איז געווען מאַטעריאַליסטיש נישט ווייניגער פאַר די ריטערס. „מצרים האָט זיך גענויטיגט אין קנעכט, האָלץ און אייזען, און די קריסטליכע ווענעציאַנער האָבען זיי דאָס אַלץ צוגעשטעלט, נישט רעכענענדיג זיך לגמרי מיט די אַלע פערבאָטען פון פויפסט צו האָבען אַ מגע ומשא מיט די „אונגלויביגע". און ווען מען האָט געוואָלט ביי זיי דאָס רעכט צונעהמען מיט גוואַלט, האָבען זיי זיך געווענדט נאָך הילף צו די טערקען.

פערשטעהט זיך, אַז אַלע איבריגע אַוואַנטורעס געגען די „אונגלויביגע" האָבען שוין געהאַט אַ שלעכטען סוף. די ריטערס האָבען נאָר ביסלעכווייז פערלוירען דאָס, וואָס עס האָט זיך געהאַט איינגעגעבען אויסצונאַרען און אויסצוקעמפען בעת'ן ערשטען קרייץ-צוג.

דערפאַר האָבען געהאַט ערפאָלג אַלע רויבערישע אָנפאַלען אין לאַנד גופא, און כדי צו פערהייליגען עס אונטער'ן נאָמען פון קרייץ-צוגען, האָט מען די בערויבטע ערקלערט פאַר „אַפיקורכים". אין יאָהר 1207 האָט דער פויפסט אינאָקענטיוס II בעשלאָסען אויפצורופען דעם קעניג און אַלע קלענערע הערשער פון פראַנקרייך צו אַ קרייץ-צוג געגען די אַלביגאָיער; ער האָט זיי צוגעזאָגט צו בעשענקען מיט'ן גאַנצען פערמעגען פון די „אַפיקורסים" און פערגעבען זיי אַלע זייערע זינד, אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט די אָנטיילנעהמער פון די קרייץ-צוגען קיין פאַלעסטינאַ. דער גראַף ריימאָן IV פון טולוזע, געגען וועלכען דער נייער קרייץ-צוג איז געווען געווענדעט, האָט אומזיסט גע'טענה'ט, אַז ער איז נישט קיין אַפיקורס, אַז ער פערפאָלגט אַליין אויך די אַפיקורסים—עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען, ווייל מיט דער רויבערישער עקספעדיציע האָט מען הויפטזעכליך געמיינט זיך אָבצורעכענען מיט דער בורזשואַזיע פאַר איהר בעפרייאונגס-בעוועגונג.

נאָך אַ קרייץ-צוג איז איינגעאָרדנעט געוואָרען אין צפון-דייטשלאַנד. דער רעצעפט איז געווען אַ גאַנץ פשוט'ער: דער

ברעמענער ערץ-בישאָף גערהאַרד II האָט אין יאָהר 1230 אַריינ-
געלעגט אין חרם אַלס אפיקורסים אַלע פויערים, וואָס זענען נאָך
צו יענער צייט אין דייטשלאַנד פריי געווען: אין יאָהר 1232
האָט דער פויפסט גרעגאָר VII ערקלערט געגען זיי אַ קרייץ-צוג.
דאָס פרייע פויערטום האָט פערביסען געקעמפט. פיער מאָל האָ-
בען זיי אַרויסגעטריבען די רויבער-באַנדעס פון לאַנד, אָבער צום
פינפטען מאָל האָבען די רויבער זיי בעזיגט און צוגעטרעטען צו
דער חלוקה.

אין יאָהר 1266 האָט דאָס מיליטער פון קאַרל פון אַנזשו,
אַ ברודער פון פראַנצויזישען קעניג לואי דעם היילינען, בעקומען
די רעכט און פריווילעגיעס פון אַ קרייץ-צוג אויף איינצונעהמען
ביידע סיציליעס. קיין געהאַלט האָט דאָס מיליטער פון קיינעם
נישט בעקומען און עס האָט געלעבט בלויז פון רויבערייען. בכלל
האָבען זיי אָבגעטהון שרעקליכע מעשים. אין בענעווענט האָבען זיי
זיך אויפגעפיהרט ווי ווילדע חיות—געקוילעט, געראובט, נישט עשאַ-
נעוועט קיין קלויסטערס און קירכען. אַזוי האָבען זיי זיך אויפ-
געפיהרט אויך אין אַנדערע שטעט. קאַרל אַליין האָט געראובט
וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט.

און דער שענער סוף פון דער גאַנצער פערהייליגטער
רויבעריי און מערדעריי איז געווען דער קרייץ-צוג געגען די,
וואָס האָבען געקעמפט די ערשטע פאַר׳ן קריסטענטום אין פאַ-
לעסטינאַ, געגען די „טאַמפליערען". זיי האָבען זיך געהאַט גאַנץ
גוט איינגעאָרדנעט אין פאַלעסטינאַ, געפיהרט אַ ברייטען האַנדעל,
פערדונגען זייער פלאַץ, געבאָרגט די פרעמדע הערשער געלד און
בכלל פערנומען זיך מיט פערשידענע ספעקולאַציעס. דאָס האָט
שוין לאַנג אַרויסגערופען קנאה. האָט דער פעראָרימטער פראַנ-
צויזישער קעניג פיליפ, וואָס איז שולדיג געווען די טאַמפליערען
אַ האַלב מיליאָן פראַנק, איינגעלאַדען צו זיך דעם גראָסמייסטער
פון די טאַמפליערען—מאָלע—און ווען יענער מיט נאָך אַנדערע
זענען געקומען און געבראַכט מיט זיך 150 טויזענד גולדען גאָלד
און 12 זעק זילבער, האָט מען זיי בעשולדיגט אין אפיקורסות,
אַריינגעזעצט אין תפיסה און פערפיהרט געגען זיי אַ פראָצעס.
פערשטעהט זיך, אַז זיי זענען פער׳משפט געוואָרען און דעם

18-טען מערץ 1313 האָט מען דעם גראָסמייסטער מאָלע פערברענט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך פיליפ בעפרייט פון זיין חוב און נאָך בעקומען אַ היבשע סומע געלד דערצו.

* *
*

מיר האָבען געפּרובט אַביסעל צו בעלייכטען די געשיכטע פון די קרייץ-צוגען און שוין דאָס איז גענוג געווען, כדי פון אונטער'ן אידעאַליסטישען מאַנטעל זאָל זיך אַרויסווייזען דער אמת'ער עקאָנאָמישער תוך. מען דאַרף נאָך צוגעבען, אַז דער מזרח האָט געהאַט פאַר די רויב-דורשטיגע ריטערס אַ שטאַרקע צוציהונגס-קראַפט אויך דערמיט, וואָס זיין אינדוסטריעלע ענטוויקלונג איז אַוועק אַסך ווייטער פאָראויס, ווי אויפ'ן מערב. פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז שייך נישט די מיליטעריש-דעספּאָטישע טערקען, נאָר די אַראַבער-סאַראַצינען, אין די הענד פון וועלכע ס'איז קאָנצענטרירט געווען דער האַנדעל און די אינדוסטריע, נאָך ביז היינטיגען טאָג טראָגען אַסך סחורות זייערע סאַראַצינישע נעמען: מוסלין, קאַמלאָט, סאַטין א. אַז. וו.

פון די וועג-בעשרייבונגען פון די פּילגער האָבען זיך די איינוואוינער פון מערב דערוואוסט נישט נאָר וועגען דעם, אַז אין הייליגען לאַנד וואוינען „אונגלויביגע", נאָר אויך וועגען אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרט. אגב די קאָלאָניאַלע מלחמות פון דער לעצטער צייט בעווייזען אויך, ווי מ'קען פערדעקען מיט אַנ'אידעאַליסטישען מאַנטעל די געוועהנליכסטע, מאַטעריאַליסטישע רויבעריי. די מלחמות ווערען כלומרשט געפיהרט אונטער דער פאָהן פון קולטור-טרעגעריי, און ס'זענען דאָ נאאיווע מענשען, וואָס גלויבען אין אַזעלכע פראַזען...

און איצט אַ פּאָר שלוס-ווערטער וועגען דעם, וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָט דאָס מאַטעריאַליסטישע פערשטעהן די געשיכטע פאַר דער בעפרייאונגס-בעוועגונג פונ'ם אַרבייטער-קלאַס. דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרען ביזאַהער, נישט נאָר עס בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע, נאָר עס גיט אונז אויך אַ וועג אויף ווייטער.

עס איז קלאָר און פעסטגעשטעלט, אַז אידעען ווערען בעשאַפען דורך עקאָנאָמישע פאַקטען און נישט גלויבען דערין איז אונמעגליך.

מיר שטעהען דאָ אויפ'ן באָדען פון פעסטע, זיכערע פאַקטען. די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע אין מזרח-שווייץ אין אָנהויב פון 18-טען יאָהרהונדערט איז ענטשטאַנען צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון וועבעריי. אַרבייטער זענען גענומען געוואָרען פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט נאָך דעמאָלט געפיהרט אַ נאַטוראַלעווירטשאַפט, אַליין בעאַרבייט און בעקומען שפייז-פּראָדוקטען, אַליין זיך קליידער געמאַכט און אפילו אָבצאָהלען אויך נאַטוראַלע געצאָהלט. די העכערע בעאַמטע פון ציריכער קאַנטאָן, למשל, פלעגען בעקומען דעם גרעסטען טייל פון זייער געהאַלט מיט ווייז און פרוכטען.

פלוצלינג האָט זיך אין דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט אַריינגעריסען די אינדוסטריע, וואָס האָט אָנגעהויבען צו צאָהלען פאַר אַרבייט מיט באַר געלד. פון אָנהויב איז דער אַרבייטס-לוין געווען פערהעלטניסמעסיג גרויס, ווייל ס'איז נויטיג געווען צוצוציהען אַרבייטס-הענד. וועניגער ווי אין צעהן יאָהר אַרום איז דער קלאַס וועבער שוין אויף אַזויפיל אָבגעריסען געווען פון דער פויערשער סביבה, צו וועלכער ער האָט געהערט, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען אפילו צו טראַכטען אַנדערש. פון שפּאָרזאַמע פויערים, וואָס האָבען נאָכגעצעהלט יעדען גראָשען, זענען זיי געוואָרען פּראָלעטאַריער, וואָס לעבען ברייט און זענען נוטה צו אויפרעגונגען. און די פערענדערונג איז פאָרגעקומען אומעדום, וואו נאָר דער אַרבייטער איז אָבגעריסען געוואָרען פון די שאַפונגס-מיטלען און דאַדורך פערלוירען די האָפנונג אויף אַן עקאָנאָמישער זעלבשטענדיגקייט.

די ערשטע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישער אויפרעגונג: דאָס צעשטערען די מאַשינען און פאַבריקען, זענען ענטשטאַנען נאָך פאַר דעם מאָדערנעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם; דעם לעצטען איז אויסגעקומען נאָר צו רעכענען זיך מיט זיי, ווי מיט געשעהענע פאַקטען. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם האָט זיך נישט גענויטיגט אין קינסטליכער אויפבויאונג: ער האָט נאָר געזוכט

פאַקטען און ערשיינונגען, אויף וועלכע ער האָט זיך, ווי ענגעלס דריקט זיך אויס, אָנגעשטויסען מיט דער נאָז.

די גרויסקייט פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן בעשטעהט דערין, וואָס זיי האָבען גלייך דערקענט די רעוואָלוציאָנערע, ד. ה. שאַפענדע טענדענץ פון די ערשיינונגען, וואָס זיי האָבען זיך נישט געלאָזט פערפיהרען פון דער רעאַקציאָנערער אויסערליכקייט פון די פראָלעטאַרישע אַרויסטרעטונגען. פערקעהרט, זיי האָבען גלייך אָנגעוויזען, אַז די אַרויסטרעטונגען אַרבייטען אויס טיטאַנען, שאַפען כוחות, וואָס וועלען מיט דער צייט צעשטערען די בורזשואַזע געזעלשאַפט,—אַז דאָס זענען אונבעוואוסטזיניגע בעוועגונגען פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס וועט איניגיכען אָנהויבען רעדען מיט דער שפּראַך פון פרייהייט און פאָדערונגען.

און דאָס וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבען פאָרויסגעזעהן מיט צעהנדליגער יאָהרען צוריק, איז פון דעמאָלט אָן מעהר-סטענטיילס געוואָרען אַ פאַקט. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבייטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיי געצוואונגען זיך צו אָרגאַניזירען. דאָס געשיהט אין יעדען לאַנד, ווי נאָר עס הויבט זיך דאָרט אָן צו ענטוויקלען די גרויסע אינדוסטריע. דאָס, וואָס עס איז נישט בכוח געווען צו בעשאַפען דער אידעאַליזם, דאָס קריסטענטום,—דאָס שאַפען ערשט עקאָנאָמישע פאַקטאָרען: זיי צווינגען אַרבייטער פון די פערשידענסטע ראַסען און פעלקער צו דענקען אוןווירקען איינאַרטיג.

דערווייל בעשטעהט די אַרבייט פון פראָלעטאַריאַט גאַנץ געוויס נאָר אין אַנ'אָרגאַניזירטען ווידערשטאַנד געגען דעם דרוק פון קאַפּיטאַל—אָבער דאָס איז נאָר דער ערשטער טריט, וואָס דערוועקט איהם צו אָרגאַניזאַציע. די וויטערדיגע טריט מאַכט די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג אַליין. זי פערגרעסערט אין אַ שטייגענדער פּראָגרעסיע די שאַפונגס-, האַנדעלס- און קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען, וואָס ווערען אויף אַזאַ אופן בעפרייט פון פּריוואַטער עקספּלואַטאַציע.

ווייטער פון אַלע אַנדערע איז אַוועק פאָרויס דער פּראָצעס פון פערגעזעלשאַפטליכען די האַנדעלס- און קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען, אָבער אין פערשידענע אַנדערע אינדוסטריע-צווייגען איז

מעגליך געוואָרען נאָר די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט.

לאַנג שוין האָבען די קאַפּיטאַליסטיש-געזעלשאַפטליכע פּאָר-מען פון אַקציאָנערע געזעלשאַפטען אין פיל אינדוסטריע-צווייגען בעוויזען, אַז ס'זענען שוין מעהר נישט נויטיג קיין איינצעלנע אינטעליגענטע, פּעהיגע און טיכטיגע אונטערנעהמער, וואָס זייערע פּריוואַטע אינטערעסען, אַלס אינטערעסען פון איי-גענטימער, האָבען זיך פריהער גערעכענט פאַר אַ גאַראַנטיע פון ווירטשאַפטליכען ערפאָלג. זייער אָרט האָבען פערנומען די אַק-ציאָנערען, וואָס שאַצען זייערע אַקציעס נאָר לויט דעם דיווידענד און האָבען קיין שום שייכות נישט צו דער פּראָדוקציע גופא. אָבער שוין אויך די פּראָדוקציאָנס-פאָרמען ווערען אַרויסגעשטויסען דורך העכערע טרעסטען,—וועלכע צענטראַליזירען, פערעאַל-געמיינערן אין קאַפּיטאַליסטישען זין גאַנצע צווייגען פון דער אינדוסטריע אין דעם יענעם לאַנד אָדער אפילו ערד-טייל.

און האַנד ביי האַנד מיט דער ענטוויקלונג קומט-פאָר פאַר אונזערע אויגען אַ פערענדערונג אינ'ם אָ ר ט ד ע נ ק ע ן פ ו ן פ אָ ל ק, וואָס געהט נאָך דער פערענדערונג פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען. יעדעס מאָל, ווען עס ווערען איינגעפיהרט נייע אויטאָמאַטישע מאַשינען, בעהערשט דאָס קלאַסען-בעוואוסטזיין נייע לענדער, נייע מענשען. פאַר אונזערע אויגען געהט עס אַלץ פאָרויס, צוגלייך מיט דעם, ווי דער קאַפּיטאַליזם גרייכט צו דער העכסטער שטופע פון זיין ענטוויקלונג, רופט ער אַרויס אין די מענשליכע מוחות דעם געדאַנק, אַז נאָך איין טריט—און ביי'ם קאַפּיטאַל וועט אַרויסגעריסען ווערען דער מאָנאָפּאָל צו עקספּלואַ-טירען און וועט איבערגעגעבען ווערען דער גאַנצער געזעלשאַפט צום אַלגעמיינעם נוצען.

אַזאַ ענטוויקלונגס-גאַנג זעהט אויס צו זיין צו מעכאַניש. נאָר ווייל מענשען דענקען עס אַזוי, ווערט דאָס דענקען אַלץ מעהר ענטוויקעלט: עס געהט איבער אין ו ו ע ל ע ן. און דאָ קומט אַזאַ א י ד ע אַ ל י ז ם, וואָס זיין גלייכען איז נאָך נישט געווען אין דער מענשליכער געשיכטע. די מאָראַלישע פאָדערונגען, וואָס זענען אַמאָל אַרויסגעשטעלט געוואָרען דורך די גרויסע גרינדער פון רעליגיעס, וואָס האָבען ביזאהער נישט געקענט אונטערשטיצט

ווערען, בעקומען ערשט צום ערשטען מאָל אויפסניי אַ רעאַלע פאַקטישע בעגרינדונג. דאָס זאָגט אונז די צוקונפט, וועלכע מיר זעהען פאָר.

הונגריגע ווערען זיין זאַט און נאַקעטע ווערען זיין אָנ-געטהון.

און דער אידעאַליזם געהט איבער אין אַ נייעם גלויבען, וואָס ווערט גיכער פון אַלע אַנדערע ביזאַהער ריהרען בערג פון אָרט. איז עס דען נישט קיין נס, וואָס דער גלויבען האָט זיך שוין געפונען אַנ'אָרט אין מיליאָנען הערצער און נישטאָ דער כוח, וואָס זאָל איהם פון דאָרט אַרויסרייסען?

די זאַטע מיינען, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, זעלבסט-צו-פרידענע האָבען אַנגסט דערפון. אָבער נישט קוקענדיג אויף זיי, עקזיסטירט עס דאָך. איז דען פאַרהאַן ביי איצטיגען טאָג אַ גלוי-בען, וואָס זאָל זיין שטאַרקער דערפון?

אָבער דער גלויבען האָט אויך אַ בעשטימטע בעגרינדונג. מ י ר ו ו י ס ע ן, ווי די געזעלשאַפט קען בעפרייען איהרע מיט-גלידער פון שרעק און זאָרג וועגען די פשוט'סטע מאַטעריעלע בעדערפנישען, ווייל מיטלען דערצו זענען פאַרהאַן איבערגענוג. און מיר ווייסען אויך, אַז דערמיט ווערט זי בעפרייען סיי דעם ווילען פון איינצעלנע, סיי דעם ווילען פון אַלע, פון אונטער'ן דרוק פון דער מאַטעריעלער נויט! דעמאָלט ווערט דער מענש שטרעבען צו העכערע צילען. ער ווערט זיך אויפהויבען און ווע-רען אַ מענש אין פולען זין פון וואָרט. מיר ווייסען, אַז די ענט-וויקלונג פון דער געזעלשאַפט געהט צו דעם ציל, מיר זעהען איהר גאַנג.

די היסטאָריע בעווייזט אונז, אַז פון אָנהויב איז קיין בור-זשואַזע געזעלשאַפט נישט געוועזן, זי איז ענטשטאַנען נאָך אַ רייה אַנדערע, וואָס האָבען עקזיסטירט און זענען פערשוואונדען גע-וואָרען? וואָלט דען נישט געווען די גרעסטע אוטאָפּיע צו גלוי-בען, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט איז שוין דאָס לעצטע וואָרט פון דער מענשליכער ענטוויקלונג און ווערט אויף אייביג בלייבען שטעהן? ווער קען עס האָבען די העזה צו קומען צו די ליי-דענדע מאַסען מיט דער דאָזיגער אונגלויבליכער אוטאָפּיע?— ניין,

די בורזשואַזע געזעלשאַפט וועט אונטערגעהן, ווי עס זענען אונ־טערגעגאַנגען די געזעלשאַפטען, וואָס זענען געווען פאַר איהר; שוין ערשט ווייזט זי אַרויס סימנים פון אַלטקייט און צעפאַלענ־קייט. יונג און שטאַרק וועט אויפגעהן אויף איהר אָרט איהר יורש: **דער סאָציאַליזם**. ער וועט אַרויספיהרען די געזעל־שאַפט פון אונטער דער הערשאַפט פון דער טעמפער נויטווענ־דיגקייט אין די הערשאַפט פון פרייהייט, וואו יעדער מענש וועט זיך אַליין בעשטימען דעם וועג פון זיין ענטוויקלונג און וועט אויף אַזאַ אופן פערווירקליכען דעם גרעסטען פראָגרעס, וואָס עס האָט נאָר ווען עס איז געקענט די מענשליכע געשיכטע.

* *
*

אַרום איז נאָך פינסטער: אָבער פון וויטען זעהט זיך שוין דער מאָרגענשטערען. מיר זעהען, פון וואַנען ער הייבט זיך אויף, און מיר ווייסען אַז ער וועט קומען. מיר גלויבען דע־רין, מיר זענען זיכער דערין. און אונזער זיכערקייט שעפען מיר פון עקאָנאָמישע פאַקטען. אונזער זיכערקייט באזירט אויף דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וואָס קומט־פאָר פאַר אונזערע אויגען, און אויף דער געהעריגער ענטוויקלונג פון אַרבייטער־קלאַס, וואָס גרייט זיך אַלץ מעהר און מעהר צו דער פערווירקליכונג פון זיין היסטאָרישער אויפגאַבע, זיין זעלבסטבעפרייאונג.

דעריבער ווייסען מיר און מיר זעהען די צוקונפט, מיר שעפען כוחות אין'ם בעוואוסטזיין, אַז **אין דער קינפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט** ערוואַרט אונז דאָס אמת'ע גליק.

פאַרלאַגס-בוכהאַנדלונג „אַרבעטער-היים"
ווארשע, קאַרמעליצקע 15.

וויכטיק פאַר ביבליאָטעקן
און פאַר יעדן לעזער!

אויף אונזער לאַגער געפינען זיך ביכער פון אַלע אינלענדישע און אויסלענדישע פאַרלאַגן. באַשטעלונגען ווערן ערלעדיקט נאָך פּער קאַסע.

פֿאַרלאַג „אַרבעטער-היים“ וואַרשע.

טעלעפֿאָן 256-46. געלטזענדונג: פּאָסט=טשעק־קאָנטאָ נר. P.K.O. 1529

1) „דער פּאַלעסט.־אַרב.=פֿאָנד“ (ערשטע בראָשור, פֿערטע אויפֿלאַגע) פֿון זרבבל און שלימאָוויטש.

2) „א“י אַלס לאַנד פֿאַר ייד. קאָלאָניזאַציע“ מיט אַ מאַפּע פֿון א“י און און די אַרומיקע לענדער, דריטע אויפֿל.) פֿון י. בן=צבי (אבנר).

3) „דער פּאַלעסט.=אַרב.=פֿאָנד“ (צווייטע בראָשור) פֿון י. בן־צבי (אבנר).

4) „די יידישע קאָנגרעס=באַוועגונג אין אַמעריקע“ פֿון ל. כאַזאַנאָוויטש און ב. באָראָכאָוו

5) „ערקלערונג פֿון דער דעלעגאַציע פֿון ייד. סאָצ. אַרב.=פֿאַרבאַנד (פּ.צ) צום האָל. סקאַנד. סאָצ. קאָמיטעט“ צווייטע אויפֿלאַגע).

6) „שמועסן וועגן עקאָנאָמיע“ פֿון א. באַך (דריטע אויפֿלאַגע).

8) „די שול=פֿראַגע“ רעדעס פֿון פּ“צ ראַטמענער אין לאָדזשער שטאָט=ראַט (צווייטע אויפֿלאַגע)

9) „אויף דער שוועל“ זאַמלהעפֿט, אַרויסגעגעבן דורך די בערלינער חברים (ערשטעס העפֿט).

11) „דער אינט. וועגן דער יידן=פֿראַגע“ זאַמלונג פֿון אַרטיקלען.

13) „דער בונד“ זיין פֿאַרגאַנגענהייט, נעכטן און צוקונפֿט, פֿון ח. זיאַמע,

14) „די קלאַסן=אינטערעסן און די נאַצ. פֿראַגע“, פֿון ב. באָראָכאָוו.

15) „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“. פֿון הערמאַן גאָרטער.

16) „וועגן מאַטעריאַליסטישן פֿאַרשטיין די געשיכטע“, פֿון ה. גריילך צווייטע אויפֿלאַגע.

18) דריי רעזאָלוציעס: a) פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון דער י.ס.ד.א.פּ. („פּ.צ.“) אין רוסלאַנד. b) פֿון דריטן אַלרוסישן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער י.ס.ד.אַ.פּ. („פּ.צ.“) אין רוסלאַנד. c) פֿון דער אוקראַאינישער קאָנפֿערענץ (5 מאַי 1918).

21) „די מתים פֿון דער קאָמונע“, פֿון אַרנו.

23) „דער וועג צום סאָציאַליזם“ פֿון אָטאָ בויער. (אויספֿערקויפֿט)

26) „אָנהייב פֿון קאַפּיטאַליזם ביי יידן אין מערב אייראָפּע“ פֿון ד“ר י. שיפּער.

27) „עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון יידישן פֿאָלק“ פֿון ב. באָראָכאָוו

28) „אימפּעריאַליזם אַלס נייסטער עטאַפּ פֿון קאַפּיטאַליזם פֿון וו. י.

29) „אונזער לעבן“ זאַמלבוך געווידמעט דעם 3־טן יאָרצייט פֿון ב. באָראָכאָוו מיט זיין בילד.

30) „שורעק=בוך“ געדענק=בלעטער אויפֿן קבר פֿון אַ חבר און פֿריינט.

31) „ריכטער“ טראַגעדיע פֿון וויספּיאַנסקי יידיש — דניאל לייבל, (2 אויפֿלאַגע)

32) „פֿון באַלפֿור ביז סאַמיועל“ (צוויי דעקלאַראַציעס) פֿון אַ. רעוווצקי.

33) „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קבוצות אין ארץ ישראל אין יאָר 1922“.

34) „אויפֿגאַנג“ זאַמלבוך פֿאַר צייטפֿראַגן, דעצעמבער 1921.

35) „דער שטראָם“ פֿון ב. עפּעלבוים.

36) „פּראָבלעמען פֿון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין דער איבערגאַנגס=צייט“, פֿון אַ. כאַשין און ז. אַהערבוך.

37) „דער פּועלי=ציוניזם“, (אַ פּאָפּולערע באַלויכטונג) פֿון גיר.

38) „פּראָבלעמען פֿון דער ייד. אַבסטעראַ=פּאָליטיק“ פֿון סערפּאָוו.

אין פּויליש:

Interesy klasowe a kwestja narodowa B. Borochowa.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Wyd. „Arbeiterheim“, Warszawa, Karmelicka 15, Skrz. poczt. 9